ש. ניגער

אונדזער רעכט צו האָבן ספקות

(וועגן דעם חרם פון אגודת הרבנים אויף
רבי מרדכי קאַפּלאַן)

ISBN: ISBN:0-657-14471-1
Barcode/EAN: 9780657144715

Old Call #: 4569

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14471

UNDZER REKHT TSU HOBN SFEYKES

Samuel Niger

Permanent preservation of this book was made possible by Frances A. Schloss
In memory of Sylvia Plotnick Kavon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ש. ניגער

אונדזער רעכט צו האָבן ספקות

(וועגן דעם חרם פון אגודת הרבנים אויף
רבי מרדכי קאַפּלאַן)

מיט אַן אַריינפיר

איבערגעדרוקט פון דעם מאָנאַטליכן זשורנאַל "די צוקונפט",
אויגוסט, 1945, און אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג
ל. מ. שטיין — שיקאַגאָ

לייבל כהן

Copyright 1945 by
S. Niger, Brooklyn, N.Y.
Printed in U. S. A.

S. NIGER: "OUR RIGHT TO DOUBT"
L. M. STEIN, Publisher
Chicago, Illinois - Nineteen forty-six

INTERNATIONAL PRINTING COMPANY
937 W. VAN BUREN ST.
CHICAGO 7, ILLINOIS
584

אריינפיר

דער חרם

דינסטאג, דעם 12טן יוני, 1945, האָט אין ניו יאָרק, אין האָטעל מעקאַלפּין, פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט געדאַרפט אויפרודערן און אויפשטורעמען די יידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין גאַנץ אַמעריקע. אין יענעם טאָג איז אין דער וועלטמעטראָפּאָליע, אין דעם גרעסטן און מאָדערנסטן צענטער פונם יידישן פאָלק, באַנייט געוואָרן אַ פאַרצייטיקער און לאַנג שוין אָפּגעלעבטער און פאַרהאַסטער מנהג, — דער מנהג פון אַריינלייגן אַנדערש דענקענדיגע אין חרם.

צוויי הונדערט רבנים און רביים, פאָרשטייערס און פירערס פון דער אגודת הרבנים פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם דערמאָנטן ניו יאָרקער האָטעל און מיט גרויס פּאַראַד אויסגערופן אַ חרם אויף דעם באַרימטן רב און פירער דר. מרדכי קאַפּ־לאַן.

מיט וואָס האָט ער זיך עס אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט? און ווי קומט אין דער געגנט פון בראָדוויי, אין רעכטן מיטן עולם־הזה'דיגער פאַרוויי־לונג, אַזאַ מין זאַך, ווי אַ רבנישער חרם? וואָס איז דער מיין דערפון? און פאַרוואָס האַלטן מיר, אַז דער יידישער געזעלשאַפטליכער געדאַנק טאָר נישט זיין דערצו אַזוי גלייכגילטיג, ווי ער איז? וועגן דעם רעדט זיך אין אָט דער בראָשור.

די ערשטע זאַך וועלן מיר ברענגען דעם נוסח פונם חרם מיט אַ יידישער איבערזעצונג:

״עמ״י עש״ו

בהתאסף ראשי עם, רבני נויארק רבתי והסביבה, ראשי ישיבות, אדמור״י החסידים ותלמידי חכמים מן הישיבות הגדולות דפ״ק ביום ג׳ לסדר ״הבדלו מתוך העדה הזאת״, ב׳ דר״ח תמוז, שנת ה׳תש״ה, לקול קריאת ההנהלה של אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה ושל ועד הרבנים דנויארק רבתי, על אודות השערורי׳ הנוראה, שנעשתה ביד רמה ובחוצפה גלוי׳ על־ידי אחד המכונה דר. מרדכי קאפלאן, באדפיסו מפלצת חדשה שמכנה בשם סדור תפלות, שבו הראה לעין כל מינות וכפירה גמורה באליקי ישראל ובעיקרי הדת של תורת ישראל, — ואחריתה של מינות דמשכה כזאת מי ישורנה, — ע״כ הוחלט פה אחד ובדעה אחת לנדותו ולהחרימו ולהבדילו מקהל ישראל עד שישוב בתשובה שלמה כדין וכדת.

ובזה הננו מפרסמים ומכריזים בהורמן מלכא דעלמא ובכח תורתנו הקדושה, בכל תוקף ועוז ובכל חומר הדין, איסור גמור וחרם גמור על הסדור הנ״ל, שהוא בכל יראה ובכל ימצא בכל גבול ישראל, ובעקיצת נח״ש לטותא דרבנן דלית לי׳ אסוותא על כל מי שיחזיק בידו את הסדור הנ״ל, או שישים עינו עליו הן יחיד והן צבור; והשומע לכל האומר יהי׳ ברוך ומבורך.״

אויף יידיש הייסט עס: מיין הילף איז פון גאָט, דער באשאפער פון הימל און ערד!

אין דער אָנוועזנהייט פון די פירער פון פאָלק, רבנים פון ניו יאָרק און אומגעגנט, חסיד׳ישע רביים און תלמידים פון אלע גרויסע ישיבות היינט, דינסטאָג, לסדר: הבדלו מתוך העדה הזאת, דעם צווייטן טאָג פון תמוז, יאָר תש״ה, אויף דעם רוף פון דער אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה און ועד הרבנים דניו יאָרק רבתי, וועגן דער מורא׳דיגער נבלה, וואָס איז באגאנגען געוואָרן מיט פיל האָפערדיגקייט און אָפענער חוצפה פון איינעם, וואָס רופט זיך דר. קאפלאן, אָפּדרוקענדיג א נייע פארזעעניש, וואָס ער רופט אָן סדור תפילות, וואָס אין אים ווייזט ער ארויס עפענטליך אפיקורסות און לייקענונג אין גאָט פון ישראל און אין די הויפּט־עקרים פון תורת ישראל — און ווער קאָן פאָרויסזען דעם סוף פון אזא מין

אפיקורסות? — דעריבער איז איינשטימיג באַשלאָסן געוואָרן מחרים צו זיין אים און אים אָפּשיידן פון אידישן קהל ביז וואַנען ער וועט ניט טאָן תשובה לויט'ן דין.

און דערמיט מאַכן מיר באקאנט מיט'ן כוח פון רבונו של עולם און מיט'ן כח פון אונזער הייליגער תורה און מיט דער גאַנצער שטרענקייט און הארטקייט פון דין — א פולשטענדיקן איסור און חרם אויפ'ן אוי־בענדערמאָנטן סידור, ער זאָל זיך ניט געפינען אין קיין יידישן גבול, און די קללה פון רבנן, וועלכע איז אזוי ווי א ביס פון א שלאנג, וואָס האָט ניט קיין היילונג, איז אויף יעדן איינעם, וואָס וועט נעמען דעם סידור אין האנט אריין אָדער אין אים אריינקוקן, סאי א יחיד און סאי א ציבור.

און דער וואָס וועט פאָלגן וועט זיין געבענטשט״!

אָט דאָס איז דער נוסח פונם חרם.

קיין שווארצע ליכט האָבן נישט געברענט, בעת אָט די טראַגי־קאָמעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף בראָדוויי, מען האָט אין שופר נישט געבלאָזן, די רבנים זיינען נישט געווען אַיינגעוויקלט אין טליתים און האָבן נישט געטראָגן קיין קיטלען. דערפאר אָבער איז אָפּגעהיט געוואָרן אן אנדער מנהג, נאָך א מער מיטלאַלטערליכער: א יונגער רב האָט, נאָך דער חרם־צערעמאָניע, אָנגעצונדן רבי מרדכי קאפלאנס ״סדר תפלות לשבת״ — און דער סידור איז עפנטליך פארברענט געוואָרן!

עס איז נאָך נישט אָפּגעקילט געוואָרן דער אַש פון די יידישע ספרים, וואָס די פארפלוכטע נאציס האָבן געברענט אין די—איצט פאר־וויסטע — גאַסן פון היטלערלאנד, — און א יידישער ספר ווערט פארמשפּט און פארברענט דאָ בא אונדז, אין לאנד פון פרייהייט, — און ווער באַגייט אָט די העסלעכע טאט? ווער פארברענט א סידור נאָר דערפאר, וואָס ער האָט ניט אַריינגענומען אַלע אַלטע תפלות און האָט אין זיך אויך אַנדערע תפלות, א חוץ די אָנגענומענע, און וואָס יידישע אמונה ווערט אין אים באלויכטן אויף א נייעם אופן? ווער טוט עס? א פרומער ייד, א רב.

פרעגט זיך, וואָס האָט געפירט דערצו? וואָס איז עס אזוינס פאר א סדר תפלות לשבת, וואָס א רב פארברענט אים און וואָס די גאנצע אגודת הרבנים פון אמעריקע און קאַנאַדע טרעט קעגן אים ארויס מיט אזעל־כע פינסטערע קללות און חרמות?

דער נייער סידור.

נון, דער נייער סידור — דאָס איז אמת — איז נישט גלייך צו די סידורים, וואָס זיינען אָנגענומען ביי די אָרטאָדאָקסישע יידן, און דר.

קאפלאן, ווי אויך זיינע "מיטשולדיגע", ראבאַי יודזשין קאָהן, ראבאי איירע אייזענשטיין און ראבאַי מילטאן שטיינבערג, האָבן נישט דעם זעלביגן קוק אויף יידן און יידישקייט, וואָס עס האָבן, זאָגן מיר, הרב ראָזענבערג, דער ראש פון אגודת הרבנים און אנדערע פירערס פון דער אָרטאָדאָקסיע. הרב מרדכי קאפלאן און זיינע חברים האָבן זייער אייגענע רעליגיעזע און רעליגיעז־נאציאָנאַלע ריכטונג. זיי האָבן זייערע אייגענע טעמפּלען, זייער אייגענע עבודה (גאָטסדינסט), זייער אייגענעם ליטעראַרישן אָרגאַן אויף ענגליש ("דהי ריקאָנסטראָקשאָניסט") זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע צו באַנייען יידישקייט — און טאַקע דערפאַר זיינען זיי באַקאַנט אונטערן נאָמען "די יידישע רעקאָנסטרוקציאָניסטן".

אין דעם רעליגיעזן זינען זיינען זיי רעפאָרמערס, ליבעראַלן, אָבער, להיפוך צו די אמאָליגע רעפאָרם־ראבינערס, זיינען זיי יידיש־נאציאָנאַל, פרינציפּיעלע און פאַקטישע געגנערס פון אסימילאַציע.

זייענדיג רעפאָרמיסטיש און ליבעראַליסטיש אָריענטירט, האַלטן זיי, אַז ניט אַלע דינים און מנהגים, ווי אויך ניט אַלע תפלות, וואָס זיינען געווען גוט אַמאָל, פּאַסן זיך איצט, ווען מענטשן, און אויך רעליגיעזע מענטשן, טראַכטן אַנדערש, פילן אַנדערש און לעבן אַנדערש, ווי פאַרצייטן. אמת טאַקע, זיי ווייסן ווי צו שעצן דעם ווערט פון טראַדיציעס, דערהויפּט פון די טראַדיציעס, וואָס אויף זיי האַלט זיך דער גאַנצער רעליגיעזער לעבנסשטייגער. דאָך ווילן זיי נישט פאַרגליווערט ווערן אין דער ירושה פון פריערדיגע דורות, זיי ווילן א לעבעדיגע, א רירעוודיגע און דאָס מיינט א פאַרענדערליכע, ניט קיין פאַרשטיינערטע טראַדיציע. דער וועג פון דער תורה, זאָגן זיי, איז דער וועג פון לעבן, נישט פון טויט...

"כדי אויפצוהיטן, לייענען מיר אין דעם אריינפיר צום "סדר תפלות לשבת" — כדי אויפצוהיטן דעם אויטאָריטעט פון דער יידישער מסורה, דאַרף מען בלייבן בא דער קלאַסישער ראַם פון דער עבודה (ד. ה. פון דאַוונען) און מען דאַרף זיין טריי צו די פונדאַמענטאַלע אידייען פון דער טראַדיציע בנוגע צו גאָט, מענטש און וועלט. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז מען טאָר ניט אָנרירן יענע אַלע פּרטים, וואָס זיינען נישט מער אין הסכם מיט דעם, וואָס מען האַלט איצט פאַר ריכטיג און אמתדיג." אזוי, צום ביישפּיל, לייענען מיר דאָרט ווייטער, "ווערן אויפגעהיט און אפילו אויסגעשפרייט די אַלע תפלות, וואָס זיינען שייך צום יידישן פאָלקס אומקערן זיך צוריק אין זיין נייער היים, אָבער די דאָזיגע תפלות דאַרפן נישט זיין געבויט אזוי, אַז מען זאָל מיינען, אַז אַלע יידן מוזן זיך ווידער אַמאָל באַזעצן אין ארץ ישראל. מיט אונדזערע תפלות דאַרפן מיר אין זינען האָבן

אויך יענע יידן, וואָס ווילן בלייבן וואוינען אין די לענדער, וואו זיי זיינען געבוירן געוואָרן, און מיר דאַרפן אויסדריקן אונדזער האָפענונג, אַז מען וועט זיי עס לאָזן טאָן אין פרידן און אין פרייהייט.״

אָט אזוי זוכן זיי צו פאַראייניגן זייערע יידיש־נאַציאָנאַלע מיט זייער אַלגעמיין ליבעראַלע מיינונגען.

זיי זיינען יידישע ליבעראַלן, אָבער ניט קיין אַסימילאַטאָרן, נאָר פאַר־קערט, נאַציאָנאַליסטן. ווי נאַציאָנאַליסטן, שטייען זיי נאָענט צום ציוניזם, אָבער, להיפוך צו אַסך ציוניסטן, האַלטן זיי ניט, אַז יידן קאָנען נאָר אין ארץ ישראל זיין א פאָלק און‌אויסלעבן זיך נאַציאָנאַל. פאַרקערט, זיי טרעטן שאַרף אַרויס געגן די אַלע, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז ס׳איז גענוג צו געבן געלט א צווייטן יידן, כדי א דריטער (נישט קיין היגער) ייד זאָל זיך קאָנען באַזעצן אין ארץ ישראל. ארץ ישראל, האַלטן די ״רע־קאָנסטרוקציאָניסטן״, איז זייער א גרויסע זאַך, אָבער סוף־כל־סוף איז עס נאָר א מיטל אויפצולעבן דאָס יידישע פאָלק, — און דאָס יידישע פאָלק דאַרף אומעטום לעבן ווי א פאָלק, נישט בלויז אין ארץ ישראל. אָט דער איינשטעל זייערער האָט גאָר א באַזונדערן ווערט אין דעם איצטיגן מאָמענט. א סך ציוניסטן גלויבן, אַז איצט נאָכן חורבן אייראָפּע איז די ריכטיקע צייט אומצוקערן זיך צוריק צום אַמאָליגן שלילת הגלות. דער פאַרלייקענונג פון׳ם נאַציאָנאַלן ווערט פונם יידישן לעבן און שאַפן אין די גלות־לענדער. א סך ציוניסטן לעבן איצט ווידער אַמאָל איבער דעם פּרימיטיוון געמיט־צושטאַנד, אין וועלכן עס איז, לויט א לעגענדע, געווען אדם הראשון, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען, ווי די זון פאַרגייט און ווי עס ווערט פינסטער אויף דער וועלט. ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט שוין אזוי אייביג זיין נאַכט... איז גוט, וואָס עס זיינען דאָ אויך אַנ־דערע ניט אזוינע אדם־הראשונ׳דיגע ציוניסטן — און צו זיי געהערן די פירערס פון דעם יידישן רעקאָנסטרוקציאָניזם. זיי דערמאָנען זייערע חברים, אַז כך הוא דרכו של עולם, אזוי פירט זיך די וועלט, אַז ווען אין איר איז א חורבן, איז דער יידישער חורבן צען מאָל גרעסער, און אַז דער אויפבוי פון ארץ ישראל דאַרף נישט מיינען דער חורבן פונ׳ם יידישן לעבן אין אַמעריקע. פאַרקערט, די אויפלעבונג פום לאַנד. זאָגן זיי, דאַרף און וועט פירן צו דעם פאָלק׳ס אויפלעבונג. אין צענטער פונם יידישן רע־קאָנסטרוקציאָניזם שטייט טאַקע ארץ ישראל. אָבער א צענטער איז א צענטער נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט א פעריפעריע, און צו אָט דער פע־ריפעריע געהערט אויך דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע.

דר. מרדכי קאַפּלאַן, דער פירער פונם רעקאָנסטרוקציאָניזם, וויל,

דעריבער, אז די יידישע אויפלעבונגס באוועגונג זאָל "נערן דעם שעפע־רישן געדאנק אין שייכות צו די סאָציאלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און רעליגיעזע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן סיי אין ארץ ישראל, סיי אין גלות." ארץ ישראל שליסט ניט אויס, נאָר, פארקערט, מאכט גאָר באזונדערס ווערטפול די שעפערישקייט אין גלות. פּונקט אזוי זיינען די רעליגיעזע פּראָבלעמען, לויט דעם רעקאָנסטרוקציאָניזם, ניט די איינציגע פּראָבלע־מען פון יידישקייט; ס'זיינען פאראן נאָך סאָציאלע, עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע פּראָבלעמען: צו אמונה קומט־צו מוסר (עטיק) און תרבות (קולטור) דערפאר שטייט אויף זייער עמבלעם געשריבן, א חוץ "ארץ ישראל", אויך: "אמונה, מוסר, תרבות."

דער רעקאָנסטרקציאָניזם האָט א ברייטן קוק אויפן יידישן לעבן; זיין פּראָגראם האָט א גרויסן פארנעם. מאַכט נישט אויס, צי מיר זיינען מסכים מיט איר אָדער ניט, און עס איז אויך נישט וויכטיג די דערוויי־ליגע צאָל פון זיינע דירעקטע אָנהענגערס. מעג זי זיין דערווייל ווי קליין, דאַרפן מיר וויסן ווי צו שעצן זיין הויכע און זעלטענע און פיל־צוזאָגנדיגע קוואליטעט. דערהויפּט דארפן אונז זיין טייער די צוויי גרעסטע מעלות, וואָס זיינען פריהער דערמאָנט געוואָרן: א) זיין האלטן, אז יידישקייט איז א לעבעדיגע און שעפערישע, ניט קיין פארגליווערטע, טראדיציע, אז זי קאָן און דאַרף זיך ענדערן און אז מיר דאַרפן נישט אויפהערן צו טראכטן וועגן איר אליין און וועגן די מעגליכקייטן פון איר ווייטערדיגן וואקסן, און ב), אז וויבאלד יידישקייט איז א ציוויליזאציע, וואָס נעמט אין זיך אריין דאָס גאנצע יידישע לעבן אין אלע זיינע פאָרמען, דארף מען אין זינען האָבן דאָס גאנצע יידישע לעבן, אלע אנטפלעקונגען פון זיין אייגנ־ארטיגער שעפערישקייט — און נישט נאָר אין ארץ ישראל, נאָר אויך אין אמעריקע. *)

פון אנדערע ציוניסטן שיידן זיי זיך אָפּ, הייסט עס, דערמיט, וואָס ויי ווילן, אז יידן זאָלן זיין א פאָלק אומעטום, נישט נאָר אין ארץ ישראל. מיט די אָרטאָדאָקסן שטימען זיי ניט איין דערפאַר, וואָס יענע רעכענען זיך ניט מיט דעם גייסט פון דער צייט און זיינען דאגמאטיקער: זייער געדאנק איז פארגליווערט; זייערע רעליגיעזע מיינונגען און פירונגען זיי־

*) צווישן די פיל ביכער, און בראָשורן וואו עס ווערן פאָרמולירט און מאָטיווירט די פּרינציפּן פון רעקאָנסטרוקציאָניזם, איז דאָ איינס, וואָס איז איבערגעזעצט אויף יידיש: דאָס איז פּראָפ. מרדכי קאפלאנ'ס "די צוקונפט פון דער יידישער רעליגיע" — ניו יאָרק, 1938.

נען די זעלביגע, וואָס זיינען געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק; אויך דער סידור איז ביי זיי דער זעלביגער, וואָס אמאָל. זיי שרעקן זיך פאר א נייעם נוסח. אנדערש זיינען די רעקאָנסטרוקציאָניסטן. זיי האָבן קיין מורא נישט צו ענדערן דעם אינהאַלט און די פאָרם פונם רעליגיעזן לעבן. נישט נאָר שרעקן זיי זיך נישט פאר נייע אידייען און נייע, מער מאָדערנע, פאָרמען פון רעליגיעזן אויסלעבן זיך — זיי זוכן איינצופירן אזעלכע נייעסן. זייער ציל איז, אז רעליגיע זאָל זיין נישט קיין בינדנדיגער, נאָר א שעפערישער כח. און אויך די תפלות — ווילן זיי — זאָלן זיין לעבעדיגע, — אזוינע, וואָס דער מענטש פילט, אזוינע, וואָס זיינען ניט סותר זיין קוק אויף דער וועלט. דערפון נעמען זיך די ענדערונגען, וואָס זיי האָבן געמאכט אין זייער ״סדר תפלות לשבת״ (אויף לשון קודש און אויף ענגליש).

זיי זיינען ניט די ערשטע צו מאכן א נייעם סידור. יעדע נייע רע־ליגיעזע באוועגונג האָט איר נוסח פון דאווענען. האָבן די רעקאָנסטרוקציאָניסטן זייער נוסח. דאָס רוב תפלות האָבן זיי גענומען פון אלטן סידור, אַנדערע קומען פון נייע מקורות. און נישט אונדזער זאך איז צו זאָגן מבינות אויף זיי. וואָס מיר ווילן זאָגן, איז, אז, ווי עס טרעפט אָפט אין פאלן פון פיזישן אָדער גייסטיקן טעראָר, האָבן מיר אויך אין אונדזער פאל ניט בלויז אן אבסאָלוט־אומגערעכטע און אומכשרע שטראָף, נאָר אויך אן אומבאגרינדעטע באשולדיקונג, ווי ווייט עס רעדט זיך אינם חרם וועגן ״מינות וכפירה גמורה באלקי ישראל.״ די צענויפשטעלערס פון דעם ״סדר תפלות לשבת״ אנטפלעקן אין זייער אריינפיר, כ׳רייד שוין ניט [illegible]עגן די תפלות גופא, ניט קיין כפירה, נאָר גלויבן אין גאָט. ״אויב תפלות, זאָגן זיי, זאָלן זיין עכט און ניט סתם אזוי א זאָגעכץ פון ווערטער, מוז דער, וואָס זאָגט זיי, גלויבן אין גאָט״ (ז. 18). און דער גאנצער צוועק און זין פון זייער ארבעט איז, פארשטייט זיך, צו מאכן לעבעדיק, ניט אָפּצוטויטן דעם גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון געטלעכקייט. אַיי־וואָס, זיי פארשטייען דעם ענין געטלעכקייט אויף זייער אייגענעם שטייגער, איי־וואָס, זיי ווילן, אזוי ווי ידידיה האלכסנדרוני, אזוי ווי ר׳ סעדיה גאון, אזוי ווי דער רמב״ם, אזוי ווי ר׳ משה מענדעלסאָן און אנדערע האָבן געוואָלט, — אז עס זאָל ניט זיין קיין סתירה צווישן זייער השגה פון אלקות און די [illegible]שגות פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע,—קומט זיי דערפאר חרם ונדוי? ע[illegible] [illegible]נען דאָ בא אונדז געגנוג אמתע אפיקורסים, און מען שטעלט זיי מער נישט אוועק מחוץ למחנה. מיר האָבן זיך אויסגעקעמפט דאָס רעכט אויף אפי־קורסות. האָבן מיר רעכט נאָר צו זיין אפיקורסים אויף אונדזער אייגענעם שטייגער — און ניט צו זיין רעליגיעז אין אונדזער אייגענעם גייסט? קאָנען

דען אין פראגן פון גלויבן, ווי אין אלע אנדערע פראגן, ניט זיין קיין מיינונגס־פארשיידנהייטן? די רעקאָנסטרוקציאָניסטן זאָגן ניט, ווי עס זאָגן די אָרטאָדאָקסן, אז זייער יידישקייט מוז זיין אלעמענס יידישקייט און זייער פרומקייט — אלעמענס פרומקייט... פארקערט, זיי דערקלערן בפירוש, אז זייער סידור איז נאָר פאר די, וואָס נוצן ניט אָדער ווילן ניט נוצן קיין אַנדערע סידורים. „מיר גלויבן, זאָגן זיי, אין זייער הקדמה, אז דאָס (אָט דער „סדר תפלות לשבת") וועט פארשטאַרקן דעם גלויבן און די פרומקייט אין יענע יידן, וועלכע האַלטן ניט אַז די סידורים, ווי זיי זיינען איצט, קאָנען אינגאנצן באפרידיקן זייערע גייסטיקע נויטבאדערפעניש." איז — וועו קאָן עס זיי פארווערן צו טאָן? סיידן נאָר מענטשן, וואָס גלויבן נאָך אלץ, ז אויך בנוגע צו אונדזער דענקען קאָן זיין א דיקטאַטור פון מתיר מאַכן און אסרן...

געגן אָט דעם גייסטיקן טאָטאליטאַריזם דארף מיר נישט אויפהערן צו קעמפן.

וואָס פאר א מיינונג מיר זאָלן נישט האָבן וועגן די אָדער יענע אידייען פון דר. מרדכי קאפלאן און זיינע חברים, — פאר זייער רעכט צו זאָגן, וואָס זיי טראכטן, און צו טאָן, וואָס זיי האלטן פאר נייטיג צו טאָן, דארפן מיר זיך אלע איינשטעלן.

מיר וואָלטן זיך געדארפט איינשטעלן פאר זייערע רעכט, ווען אפילו זיי זאָלן זיין יידן פון א גאנץ יאָר, בפרט נאָך אז זיי זיינען ניט אבי ווער. זיי זיינען לאנג שוין פירערס פון א רעליגיעזער און א נאציאָנאלער יידישער באוועגונג, — פון דער באוועגונג „צו באנייען יידישקייט" („להתחדשותה של היהדות", ווי דאָס הייסט אויף העברעאיש, אָדער יידישער רעקאָנסטרוקציאָניזם, ווי דער נאָמען איז אויף ענגליש). וואָס איז שייך צו דר. מרדכי קאפלאן, איז ער נישט נאָר דער מנהיג פון דער רעקאָנסטרוקציאָנאַיסטישער באַוועגונג, ער איז אויך דער ראש פון דעם לערער־אינסטיטוט ביי דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאר. ער איז א לערער פון לערערס, א פירער פון פירערס. אים מחרים זיין, וואָס דאָס הייסט אָפשיידן אים פון דער יידישער געזעלשאפט, הייסט זיי אלעמען וועלן איזאָלירן פון דער יידישער סביבה, מיינט — וועלן אוועקשטעלן מחוץ למחנה הונדערטער יידישע ראַבאַיס, פעדאגאָגן, שריפטשטעלערס, פירערס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאָרשטייערס פון דער העברעאישער ליטעראטור, מיינט טעראָריזירן דעם יידישן געדאנק, מיינט פארדארבן די גייסטיגע לופט ארום אונדז אלעמען. דארפן מיר טאָן אלץ, וואָס מיר קאָנען, צו פארטרייבן די מיאזמען און האלטן ריין די לופט. מיר זיינען צו לייכט־

זיניג, אויב מיר גלויבן, אז ביי אונדז יידן זיינען מיר מיט דער פרייהייט פון געדאנק שוין געזיכערט. ניין, מיר זיינען נאָך נישט געזיכערט, און מיר דארפן נאָך אלץ שטיין אויף דער וואַך.

אונדזער קאַמף פארן רעכט צו האָבן ספקות *)

דער חרם אויף בראָדוועי... א טרויעריק פורים־שפיל. מיט אן עפּי־לאָג פון אן אומגעריכטן פורים־רב. ער האָט אָנגעצונדן דאָס אומריינע אויטאָ־דא־פע־פייערל און מיט הנאה פארברענט דעם נייעם סידור פון די "רעקאָנסטרוקציאָניסטן" אינאיינעם מיט זיינע אלטע תפלות... א טראַ־גיש־גראָטעסקער עפּיזאָד, וואָס האָלט שוין ביי פארגעסן ווערן. מען טאָר אים אָבער נישט לאָזן אָפּגעמעקט ווערן פון אונדזער זכרון. מען טאָר ניט זאָגן: דער חרם האָט קיינעם ניט אָפּגעשראָקן, איז — זאָל עס זיין ווי קיינמאָל גאָרנישט געווען. ניין, מען טאָר עס נישט אוועקמאַכן אונטער האַנט. אמת טאַקע, די מנהיגים פון דער מאכט־זוכנדיקער אָרטאָדאָקסיע אין אמעריקע האָבן מיט דעם טומלדיקן חרם־שפּיל, וואָס זיי האָבן איינ־סצענירט, ניט געמאכט קיין שטאַרקן רושם; זיי האָבן געלאָזן קאלט אפילו די, וואָס זיינען געווען דערביי. אָבער זיי האָבן שטאַרק געוואָלט מאַכן אן איינדרוק און זיי ווילן עס איצט נאָך אויך. דאָס איז דער עיקר: דער רויך פונעם "פּסולן" סידור, וואָס זיי האָבן עפּענטלעך פארברענט, איז געבליבן הענגען אין דער לופט, און עס שמעקט ביי אונדז מיט גיהנום־שוועבל, מיט גייסטיקן טעראָר, מיט מאָראלישער אינקוויזיציע. די וואָרצלען פון דער גיפטיקער פלאנצונג זיינען געבליבן שטעקן אין דער ערד, אזוי ווי דער רויך איז געבליבן הענגען אין דער לופט. איז עס א קנאַפּע טרייסט, וואָס דאָס ביטערע קרייטעכץ איז פארוועלקט געוואָרן, נאָך איידער עס האָט באַוויזן אויפצובליען. עס מוז אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל. עס מאַכט ניט אויס, וואָס עס איז ניטאָ קיין דרויסנדיקע געפאר. עס איז א גייסטיקע סכנה. און עס איז ניט קיין נפקא־מינה, צי די בעלי החרם קאָ־נען טאָן שלעכטס זייער קרבן אָדער זיי קאָנען ניט. דאָס אליין, וואָס ביי אזא גרויסער און אָנגעזעענער אָרגאניזאציע, ווי די אגודת הרבנים פון די פאראייניקטע שטאַטן און קאנאדע, איז געווען רעכט צו פּרוואוון ארויפ־

---

*) איבערגעדרוקט פון דעם מאָנאַטליכן זשורנאל "די צוקונפט", אויגוסט 1945.

צווינגען אויף אנדערע די מיינונגען און די מנהגים, וואָס זי האלט פאר הייליק, מיט דער הילף פון סטראשונקעס; דאָס אליין וואָס זי איז געווען גרייט און איז איצט נאָך אויך גרייט צו וועלן אויסשליסן פון יידישן כלל און איבערלאָזן מחוץ למחנה א גאנצע רעליגיעז־קולטורעלע יידישע באַוועגונג אינאיינעם מיט איר זייער חשובן און טיף ערנסטן פירער; דאָס אַליין, וואָס זי האָט געפּרואווט—און וועט אויך ווייטער מסתמא פּרוואוון—אָנצואווענדן אזא קאמפּסמיטל, ווי חרם, א קאמפסמיטל, וואָס ביי די איצטיקע לעבנס־אומשטענדן און אין דער איצטיקער צייט, ווען עס ווירקט מער סימבאָליש, ווי פאקטיש, איז עס גאָר באזונדערס העסלעך און אָפּשטויסנדיק, — און הונדערטער רבנים און סתם יידן, וואָס זיינען געווען דערביי, האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: ״אמן״, און טויזנטער זיינען געשטאנען מיט פארלייגטע הענט און האָבן געשמייכלט: ״מהיכי תיתי!״ — דאָס אליין איז א שטיין אויפן שווערן וועג פון אונדזער צאנקענדיקן גייסטיקן לעבן. און מען מוז זוכן מיטלען ווי אים אָפּצושאַרן.

גראד דאָ איז ניט שייך צו וועלן אויסמיידן מחלוקת: ס׳איז אַ מחלוקת לשם שמים.

אין קאָן שטייט דאָס ביסל אינעווייניקסטע פרייהייט פון דענקען, וואָס אונדז איז אזוי שווער אָנגעקומען צו קריגן. אין קאָן שטייט אונדזער אינעווייניקסט רעכט צו גלויבן אין וואָס מיר גלויבן, ווי אויך אונדזער הייליק רעכט ניט צו גלויבן, ווען מיר האָבן ספקות. אין געפאר איז אונדזער מעגלעכקייט פריי אָפּצוקלייבן און אויסצוקלייבן וואָס עס האָט א ווערט אין דער גייסטיקער ירושה, וואָס אונדז איז געבליבן פון די פריערדיקע דורות, און ניט צו זיין מחויב נאָכצוגיין זיי מיט פארמאכטע אויגן, מיט א פארגליווערטן מוח, מיט א פארשלאפטן און א פארשלאָפענעם אינטעלעקטועלן געוויסן.

און זאָל מען ניט זאָגן, אז ווי באלד אונדזערע אלט־פרענקישע רבנים זיינען אָנמעכטיק עפּעס צו טאָן, איז עס אָן סכנות. ס׳איז א טעות. די רבנים זיינען נאָך אלץ א כוח און אן אויטאָריטעט אין דער יידישער וועלט; זיי האָבן אין זייער רשות א גרויסן, אויב נישט דעם גרעסטן, טייל יידישע דערציאונגס אינסטיטוציעס אין אמעריקע. און אין די לעצטע יאָרן זיינען זיי דרייסטער און אקטיווער געוואָרן, זיי ווייזן ארויס מער איניציאַטיוו און האָבן אַ גרעסערע ווירקונג, ווי פריער. אפילו צווישן די פאָרשטייערס פון דער וועלטלעך־אָריענטירטער יידישער אינטעליגענציע זיינען, ווי באוואוסט, דאָ אזוינע, וואָס האָבן זיך פארבענקט נאָך די רעליגיעזע פירונגען, וואָס די אָרטאָדאָקסיע רעפּרעזענטירט. מיט זייער

שטרעבן צוצונעמען ביי אונדזער גייסטיקער טראַדיציע איר פּייאיקייט צו וואַקסן, צו עוואָלוציאָנירן און צו זיין שעפערישׂ. וועלן די רבנים, פון איין זייט, אָפּשטויסן פון זיך די, וואָס וואָלטן וועלן באַפרוכפּערט, אָבער ניט פאַרשקלאַפט ווערן פון דער פאַרגאַנגענהייט און, פון דער אַנדער זייט, וועלן זיי העלפן בלייבן פאַרגליווערט און אומפרוכטבאַר און אָפּגעשטאַנען דעם רעליגיעזן געדאַנק פון די, וואָס גלויבן אין זיי.

דאָס איז פאַר דער פרייער ענטוויקלונג פון דער יידיש־רעליגיעזער קולטור אפשר נאָך אַ גרעסערער שטער, ווי פאַר אונדזער וועלטלעך־קולטורעלן לעבן. וואָלטן די, וואָס ווילן שלום ביי יידן, — און דער שרייבער פון די שורות אַליין געהערט צו די רודפי שלום—געקאָנט האָבן אַנדערע, פּאַסיקערע געלעגנהייטן ניט צו לאָזן גיסן קיין אויל אויפן פייער פון יידישע מחלוקתן. זאָלן זיי זיך אַריינמישן, אָט־די אחדות־לייט, ווען מען קריגט זיך פאַר גאָרנישט, ווען מען קאָן זיך ניט צעטיילן מיטן כבוד, ווען מען שטעלט זיך איין פאַר קליינלעכע קלייזל־און גרופּן־אינטערעסן. דאַן איז דער ריכטיקער מאָמענט צו זוכן שלום, ניט אין אונדזער פאַל, ווען מען וויל ביי אונדז צונעמען די לופט צו קאָנען גייסטיק פריי אָטע־מען, ווען מען וויל אונדז ווידער אַמאָל אָפּגעוואוינען פון טראַכטן און האָבן אייגענע מיינונגען, ווען מען וויל אונדז צוריק אומקערן צו די צייטן פון קונע, מלקות און חרם. דאָס איז ניט קיין זאַך, וואָס קאָן פאַרשוויגן ווערן. דאָ טאָר מען זיך נישט אונטערגעבן, דאָ מוז מען זיך אַנטקעגנשטעלן. פּאַסיוויטעט וואָלט דאָ געווען אַ זינד. אַ מהיכי תיתי־שטעלונג וואָלט אין דעם פאַל געווען נישט מער ווי גייסטיקער אינדיפערענטיזם. שלום וואָלט דאָ פאַר אונדז געווען אַ מאָראַלישער דורכפאַל.

און ווען איך זאָג פאַר "אונדז", מיין איך, פאַרשטייט זיך, ניט דווקא די "באַנייערס פון יידישקייט", די "רעקאָנסטרוקציאָניסטן" און זייער חשובן מנהיג דר. מרדכי קאַפּלאַן, — דעם וואָס די רבנים האָבן געוואָגט אַריינצולייגן אין חרם. ווען איך זאָג פאַר "אונדז", מיין איך אונדז אַלעמען. כ'מיין אויך די, וואָס זיינען מיט דעם אָדער יענעם טייל פונעם נייעם "סדר תפלות לשבת" אפשר גאָר ניט צופרידן, און אויך די, וואָס צום נייעם סידור זיינען זיי פונקט אַזוי גלייכגילטיק, ווי צום אַלטן. דער עיקר אָבער בין איך אויסן די אמת־פרומע, די אמת אָרטאָדאָקסישע יידן, די וואָס פאַרהייליקן דעם אַלטן נוסח פון דאַוונען. זיי זיינען מער ווי אַלע אַנדערע עלול אונטערצופאַלן אונטער דער השפּעה פון "אגודת הרבנים", וועלכע האָט געפּסקנט, אַז אַלץ מוז זיין, ווי געווען, — און פאַר זיי, פאַר די גלויביקע, איז דאָס רעכט צו טראַכטן אַנדערש און אויפצופירן זיך

אנדערש, ווי פריער, פונקט אזוי וויכטיק און נייטיק, ווי פאר אונדז אלעמען, אויב זיי ווילן, אז זייער יידישקייט זאל זיין א לעבעדיקער כוח און ניט בלויז א רעשטל פון אמאל.

א גלויבן, וואס קומט פון מורא פאר שווארצע ליכט, פאר קללות און חרמות, איז א טויטער גלויבן. אזוי ווי מען הערט אויף צו דענקן, ווען מען ווערט אן דעם מוט צו צווייפלען אין אנגענומענע אמתן, אזוי קאן מען נישט האבן אויך קיין לעבעדיקע אמונה, ווען מען שרעקט זיך צוצולאזן צו זיך ספקות. גרויסע אויפטואונגען אין דער וועלט פון רע־ליגיע זיינען אזוי ווי אין דער וויסנשאפטלעכער וועלט, געקומען פון גרויס אומרו, פון אומצופרידנקייט. וואלטן מיר געהאט דעם חסידות, ווען דער בעש״ט און דער מגיד פון מעזריטש און ר׳ יעקב יוסף מפולנאי זאלן זיך האבן געשעצט גליקלעך אויף די אלטע וועגן? וואלטן ר׳ סעדיה גאון, ר׳ שלמה אבן גבירול אדער דער רמב״ם אונדז איבערגעלאזט אזא רייכע ירושה, ווען זיי זאל נישט האבן געארט, וואס עס זאגן און טראכטן די פילאזאפן פון די אומות העולם? די חכמי יון, אדער די גרויסע פירער פונם אראבישן רענעסאנס האבן זיי געמאכט אומרואיק, האבן געוועקט אין זיי ספקות, זיינען זיי געווארן שעפעריש אין זייער יידישקייט. דער דארשט נאך וויסן, די געדאנקלעכע זוכענישן, די הארבע פראגן, וואס זיי האבן זיך אליין געשטעלט, האבן באנייט, אפגעפרישט, פארטיפט זייער גלויבן.

און צי דען נאר מיט זיי אליין איז עס אזוי געווען? פון וואנען האט זיך דען גענומען דער עצם תלמוד? פון וואנען שטאמט אונדזער גאנצע היינ־טיקע יידישקייט? פון דער מורא צו טראכטן ווי מען האט פריער גע־טראכט? פון ציטערן פאר ספקות? פונקט פאַרקערט, ווייל עס זיינען אויסגעוואקסן נייע השגות, נייע באדערפענישן, נייע לעבנס־תנאים, האט מען אנגעוואַרן די זיכערקייט אין דער ביזאהעריקער אויסטייטשונג פון דער מסורה. מען האט אנגעהויבן צו רעכענען זיך מיט דעם פאקט, וואס עס זיינען דא גזרות שאין רוב הצבור יכול לעמוד בהן. מען איז געוואַרן אומרואיק, אומצופרידן, און מען האט זיך גענומען מאכן נייע תקנות, נייע פירושים. מען האט אנגעהויבן בארעכטיקן די נייע מנהגים אדער דאס ניט היטן די אלטע, און אז עס איז געווען נייטיק, האט מען מסדר געווען אויך נייע תפלות.

ווען ניט די כסדרדיקע אפפרישונג פון אונדזער רעליגיעזער ירושה, וואלט פון איר שוין לאנג קיין זכר ניט געבליבן. ווען ניט דאס רעכט אויף ענדערונגען, וואלט יידישקייט שוין לאנג פארשטיינערט געוואַרן. ניט די, וואס זייער איינציק וואפן איז געווען דער חרם, האבן אויפגעהיט

דעם יידישן גלויבן און די גאנצע יידישע קולטור, נאָר די, וואָס זיינען פארקערט, געווען באוואפנט מיט דער שעפערישקייט פון זייער אייגענעם געדאנק, די, וואָס האָבן געוואגט צו גיסן אין די אלטע כלים נייעם וויין און צו טרינקען, ווען עס איז נייטיק געווען, אלטע געטראנקען פון נייע בעכערס.

כ׳שרייב דאָס אלץ, כאָטש אָדער ווייל איך ווייס, אז דאָס איז דער געדאנקענגאנג, וואָס האָט באגייסטערט א נחמן קראָכמאל, א משה לייב ליליענבלום, ווען ער איז געוואָרן א משכיל, אן אייזיק הירש ווייס און אנד. פאָרשטייערס פון דער השכלה־צייט. זאָל מען מיך רופן משכיל. השכלה איז ניט קיין שאנד. פארקערט, איך האלט, אז א היבשן טייל פון דעם משכיל׳ס ירושה דארפן מיר היטן און טייער האלטן. איך גלויב, אז פונקט אזוי, ווי עס איז גוט, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעניכטערט פון די אילוזיעס, וואָס דער דור משכילים איז פון זיי געווען פארשכורט (יעדער דור האָט זיך זיינע אילוזיעס); פונקט אזוי ווי עס איז גאָר באזונדערס וואויל און גוט, וואָס מיר האָבן זיך אָפגעזאָגט פון דער משכילישער איינ־רעדעניש, אז פריידענקעריי און בילדונג און פארשטאַנד איז אלץ, — פונקט אזוי וואָלט ׳געווען פאר אונדז אן אומגליק, ווען מיר זאָלן פאר־ווארפן די רעאלע ווערטן, וואָס די השכלה האָט געשאפן, און די הייליקע מענטשלעכע רעכט, פאר וועלכע אירע פאָרשטייערס האָבן זיך אזוי מסירת־נפשדיק איינגעשטעלט.

צו די אמתע ווערטן וואָס די השכלה האָט מיט זיי באַרייכערט און באפרוכפערט אונדזער גייסטיק און געזעלשאפטלעך לעבן, געהערט, פריער ווי אלץ, דער ווערט און די ווערדע פון דעם פרייען יחיד, פון זיין ניט־געבונדענעם און ניט־געשטערטן קריטישן דענקען. צו די גרויסע מענטש־לעכע רעכט, וואָס מיר האָבן אין דער גרויסער השכלה־עפּאָכע פאר זיך אויסגעקעמפט אויף שטענדיק, אויב ניט ווי בירגער פון דעם אָדער יענעם לאַנד, איז, ווי יידן, ד״ה אין אונדזער אייגענער סביבה, — צו אָט די טייערע און געבענטשטע רעכט געהערט דאָס רעכט צו פארגלייכן וואָס עס האָבן געזאָגט און עס זאָגן אונדז די אמאָליקע מנהיגים, איינגעשלאָסן די מנהיגים פונעם רעליגיעזן לעבן, — מיט דעם, וואָס עס דיקטירט אונדז אונדזער אייגענער געדאנק, מיט דעם, וואָס אונדזער געוויסן לערנט אונדז אין דער שטיל. דאָס איז א רעכט, וואָס לייגט אויף אונדז ארויף גרויסע אחריותן און שטעלט אונדז שווערע פּראָבלעמען — געוויס. דאָס איז א פּריווילעגיע, וואָס מען דארף זיין זייער אָפּגעהיט, ווען מען נוצט זי; א פּריוועלעגיע וואָס מען דארף זי קלוג און פרום קאָנטראָלירן — געוויס.

דאָס איז א רעכט, וואָס מוז געצאמט ווערן דורך אונדזער געפיל פון אחריות פאר דער ירושה, דער דערפארונג און דער קלוגשאפט פון די פריערדיקע דורות; א רעכט פונעם יחיד, וואָס טאָר בשום אופן ניט איג־נאָרירן זיינע פליכטן צום כלל; אַ רעכט פון דער פערזענלעכקייט וואָס מוז קאָמבינירט ווערן מיט דער באדערפעניש פון גייסטיקער קאָאָפעראַ־ציע און די פאָדערונגען פון געזעלשאפטלעכער דיסציפלין... דאָס איז ניט קיין אבסאָלוט רעכט — געוויס; אָבער ס'איז אבסאָלוט נייטיק, אז מיר זאָלן עס האָבן.

אפילו אָרטאָדאָקסישע יידן קאָנען זיך אָן דעם שוין מער נישט באַ־גיין. אפילו זיי פארגינען זיך שוין — און מוזן זיך פארגינען — א גע־וויסע מאָס פון קריטיק בנוגע צו דער פראקטיק, אויב נישט בנוגע צו דער פילאָזאָפיע, פון דער רעליגיעזער מסורה. אויך זיי זיינען זיך שוין לאנג מתיר זאכן, וואָס עס איז געלעגן אויף זיי אַן איסור חמור: זיי גייען מער נישט אָנגעטאָן ווי זיי זיינען געוואוינט געווען זיך אָנצוטאָן; זיי קליידן זיך "דייטשיש". מער נאָך, זיי לערנען חכמות חצוניות. א סך פון זיי זיי־נען פארברענטע ציוניסטן, — און ווער פון אונדז געדענקט ניט די צייט, ווען זיין א ציוניסט האָט געהייסן זיין אַן אפיקורס?

הכלל, — מיר זיינען אלע — ווער אין א גרעסערער און ווער אין א קלענערער מאָס — יורשים פון דער השכלה. איר שאָלעכץ, איר צייט־שאָלעכץ, האָבן מיר אוועקגעוואָרפן, און ס'איז גוט, וואָס מיר האָבן זי אוועקגעוואָרפן, אָבער איר תוך, איר אייביקן קערן (ווי יעדע גרויסע תקופה, האָט אויך די תקופה פון אויפקלערונג געהאַט איר צייטווייליקע פאָרם און איר דויערנדיקן אָדער אייביקן קערן) — קייען מיר, כאָטש מיר האָבן עס אפשר נאָך אלץ ניט פארדייט. מיר זיינען אלע — מער אָדער ווייניקער — משכילים. מיר טראָגן נישט מער דעם דאָזיקן נאָמען, אָבער — א רויז הערט ניט אויף צו זיין וואוילשמעקעוודיק אפילו ווען מיר זאָלן זי רופן מיט אן אנדער נאָמען. מיר האָבן אלע אזא אָדער אן אנדער חלק אין דער ירושה, וואָס אונדז איז געבליבן פון דער אויפקלע־רונגס־צייט. אלץ איינס, וואָס מיר זיינען, ציוניסטן אָדער סאָציאליסטן, העברעאיסטן אָדער יידישיסטן, רעפאָרם־יידן אָדער נעאָ־אָרטאָדאָקסן (און כמעט אלע אָרטאָדאָקסן זיינען איצט שוין אָרטאָדאָקסן אויף א נייעם שטיי־גער), — אלץ איינס זיינען מיר דעם השכלה־דורס קינדער אָדער איי־ניקלעך. ווען ניט ער, וואָלטן ניט נאָר די אלע נאציאָנאלע און סאָציאלע באַוועגונגען אונדזערע נישט געווען מעגלעך; ווען ניט ער, וואָלט נישט בלויז די נייע העברעאישע און יידישע ליטעראטור נישט אויפגקומען און

עס וואָלט נישט געווען קיין יידישע וויסנשאפט, — אויך די פרומע יידן און די רבנים וואָלטן נישט געווען אזוי צופאסונגס־פעאיק ווי זיי זיינען געוואָרן, ווען ניט די אויפקלערונג־באוועגונג. און עס איז א גרויסע פראגע צי וואָלט די טראדיציאָנעלע יידישקייט בכלל געקאָנט האָבן א קיום אין דער נייער צייט ווען די השכלה זאָל איר ניט האָבן געוויזן דעם וועג צו ענדערונגען, נישט האָבן געלערנט זי צו זיין ווייך און בייגעוודיק.

דער דור פון השכלה האָט דאָס אלץ געקאָנט אויפטאָן נאָר דער־פאר, וואָס ער האָט פאר זיך אליין און פאר די דורות, וואָס זיינען גע־קומען נאָך אים, אויסגעקעמפט דאָס רעכט צו קריטיקירן, דאָס רעכט צו טראכטן אנדערש ווי מען האָט ביז אהער געטראכט.

דארפן מיר דאָס רעכט טייערער האלטן פון גינגאָלד און נישט לאָזן עס פארשוועכן. דארפן מיר מיט אלע אונדזערע כוחות זיך אנטקעגנ־שטעלן די אלע, וואָס אטאקירן אנדערש־דענקענדיקע און אנדערש־גלויבנ־דיקע מיט קללות און חרמות, אנשטאט צו פירן מיט זיי אן אָרנטלעכן וויכוח.

מיר דארפן אגב, טראכטן: ווי קאָנען מיר פארלאנגען פון דער וועלט — און מיר מוזן דאָך פארלאנגען! — אז מען זאָל אונדז ניט שטערן צו זיין אנדערשדיק, צו זיין א מינאָריטעט, — אז ביי אונדז אליין איז מען גרייט צו טעראָריזירן און צו מאכן פאר א לא יבא בקהל יעדן איי־נעם, וואָס טראכט און גלויבט און דינט גאָט אויף זיין אייגענעם שטייגער, אז ביי אונדז גופא איז מען גרייט צו פארווארפן מיט שטיינער יעדע מי־נאָריטעט... מיר דארפן דאָס שטאַרק אין זינען האָבן. אָבער ניט דאָס, — ניט למה יאמרו הגויים — איז דער עיקר. דער עיקר איז אונדזער אייגענע באדערפעניש צו דערציען דאָס פאָלק און זיך אליין ניט מיט דעם קאנ־טשיק פון חרם, באַיקאָט און ענלעכע בלינדע סטראשונקעס, נאָר מיט די מיטלען פון גייסט. דער עיקר איז, וואָס מיר אליין קאָנען אנדערש ניט היטן אונדזער הייליקע ירושה, סיידן זי זאָל זיין א לעבעדיקער, ניט קיין טויטער קאפיטאל, סיידן זי זאָל זיין א שעפערישע טראדיציע, אזא, וואָס יועקט אונדזערע גייסטיקע כוחות, ניט אזא, וואָס שלעפערט זיי איין.

נאָר אזא וועקנדיגע גייסטיקע ירושה, קאָן אונדז אויפהאלטן — און נאָר אזא קאָנען מיר אויפהיטן, און אין משך פון דער צייט וואָלט זי געקאָנט אונדז אלעמען — עלטער אָדער יונגער, פרומער אָדער פרייער — ווידער אמאָל פארבינדן און פאראייניקן.

א לעבעדיקע מסורה וואָלט געקאָנט ווערן אן אויפלעבנדיקע מסורה, וואָלט געקאָנט ארייננאָטעמען א נייעם אָטעם, אריינגיסן פריש בלוט און

ארויפציען א נייע הויט אויף די עצמות היבשות, וואָס ליגן, האַלב־טויטע, אינעם יאַמערטאָל פון אונדזער גייסטיקן לעבן... אין אַן אַטמאָספערע פון חרם, אין רויך און טשאַד פון ספרים, וואָס ווערן פאַרברענט, ווי טרפה־פסולן, קאָן אַזאַ פרייע, אַזאַ דינאַמישע און לעבנספּייאיקע טראַדיציע ניט געדייען. ניין, אירע ווערטן קאָנען אַנדערש ניט געשמידט ווערן סיידן נאָר אונטער די האַמערן פון פרייער קרעאַטיוער קריטיק, אירע אמתן מוזן געלייטערט ווערן אין דעם פייער פון פרעגן און פאָרשן.

טאָרן מיר נישט לאָזן פאַרמינערן אָדער פאַרשוועכן אונדזער רעכט צו פרעגן און צו פאָרשן, צו האָבן ספקות.

אונדזער חוב איז זיך איינצושטעלן פאַר די, וואָס דורך שעפע־רישער קריטיק זיינען זיי געקומען צו נייע אמתן, ווען זיי זאָלן אפילו זיין ניט אונדזערע אמתן.